Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 50 | Łódź, Poniedziałek, 27 lutego 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, א' אדר תרצ"ג | № 50

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# סטימסאנס נאטע צו דער פעלקער=ליגע

## סאלידאריזירט זיך מיט די אויספיהרען בנוגע דעם כינעזיש-יאפאנישען קאנפליקט

וואשינגטאן, 26. (ספ. טעל.)
דער מלוכה-סעקרעטאר סטימסאן האט מודיע געווען דעם סעקרעטאריאט פון דער ליגע, אז ער טיילט די קאנקלוזיעס, וואס זיינען אנגענומען געווארען דורך דער פעלקער-ליגע מכוח דעם כינעזיש-יאפאנישען קאנפליקט — אויף וויפיל די זיינען בנוגע די בעשלוסען פון די טראקטאטען, וואס די פאראייניגטע שטאטען האבען אונטערגעשריבען.

גענף, 26. (ספ. טעל.)
אין זיין בריף צום סעקרעטאריאט פון דער פעלקער-ליגע מכוח דעם ענין מאנדזשוריען, ערקלערט סטימסאן צ. א., אז די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען דריקט אויס די האפנונג אז כינא און יאפאן וועלען אנערקענען פאר מעגליך צוזאמפאסען זייער פאליטיק צו די פארלאנגען פון אלע פעלקער, דאס די אינטערנאציאנאלע קאנפליקטען זאלען דערליידיגט ווערען אויף א פרידליכען אופן.

לאנדאן, 26. (ספ. טעל.)
דער טעקסט פון סטימסאנ'ס נאטע האט ארויסגערופען גרויס צופרידענהייט אין די היגע פאליטישע קרייזען.

פון א סך יאהרען איז עס דער ערשטער פאל אז אמעריקא זאל זיך אזוי אהן פארבעהאלט סאלידאריזירען מיט דער פעלקער-ליגע און עס אזוי בולט און נישט צווייטייטיג אויסדריקען.

## אקציע פון די היטלעראווצעס

### געגען די פרעמדלענדער — אינהאבער פון הייזער אין בערלין

בערלין, 26. (ספ. טעל.)
דער נאציאנאל-סאציאליסטישער „אנגריף" איז מודיע, אז דער בערלינער פאליציי-פרעזידענט האט בדעה אנצוהויבען בקרוב אן אקציע געגען די אויסלענדער וואס זענען הויז-בעזיצער אין בערלין.

עס האנדעלט זיך קודם כל וועגען די הייזער וואס אויסלענדישע קאפיטאליסטען האבען איינגעהאנדעלט אין דייטשלאנד בעת דער אינפלאציע און אויך שפעטער.

די דאזיגע אקציע וועט צ.א. שטארק טרעפן יידען, פוילישע בירגער.

## געשלאסען די קאמוניסטישע צענטראלע אין בערלין

בערלין, 26. (ספ. טעל.)
נאך דער שטרענגער רעוויזיע וואס איז נעכטען אדורכגעפיהרט געווארען איז דא געשלאסען געווארען די קאמוניסטישע צענטראלע, וואס האט זיך געפינען אין דעם אזויגערופענעם ליבקנעכט-הויז אויפ'ן ביולאוו-פלאץ.

גלייכצייטיג איז פאר'חתמעט געווארען די דרוקעריי און ס'איז ארויפגעלייגט געווארען א סעקוועסטער אויף אלע געפינענע דרוק-זאכען.

עטליכע פערזאן זענען ארעסטירט געווארען.

פאר'ן בנין איז אוועקגעשטעלט געווארען א פאליציי-פאסטען.

## קלאנגען וועגען א פערשווערונג פון דער „היימווער"

ווין, 26. (ספ. טעל.)
שבת האבען אין ווין קורסירט פאנטאסטישע קלאנגען וועגען א פערשווערונג פון דער „היימווער".

די דאזיגע קלאנגען האט לאנסירט אויסשליסליך די היטלעריסטישע פרעסע און דערמיט ארויסגערופען גרויס אומרוה צווישען דער היגער בעפעלקערונג.

מ'האט אויך גערעדט, אז די וויענער פאליציי האט בעזאלט פאראורדנען א שארפע גרייטקייט.

דער עסטרייכישער זיכערהייטס-מיניסטער און בעדייטענדער אנפיהרער פון דער היימווער, מאיאר פיי, האט דערקלערט אין שייכות דערמיט, אז די דאזיגע קלאנגען זענען אבסאלוט אומבעגרינדעט און זייער איינציגע כוונה איז צו פערסמען די פאליטישע אטמאספער אין עסטרייך.

## מיניסטארען פון רוזוועלט'ס קאבינעט



סוואנסאן (פלאט)



פרוי פרענסיס פערקינס (ארבייטס-מיניסטער)



דושארדוש דערן (קריגס מיניסטער)

גילדערנע ראקעטע

אר?

כאפט נישט!
ס'איז נישט קיין לאקשען!

מארגען וועט איהר וויסען.

Dr. Wajnberg
ספעצ. פון לונגען- הארץ- און מהלעראז-קראנקה.
ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אווענד.

וויכטיג פאר דער ארימער לאדזער בעפעלקערונג!
דער אמבולאטאריום
ביים פעראיין „לינת המשמורים"
זשעלאבא 26, טעל. 242-55
אפען טעגליך פון 10 ביז 5 נאכמיטאג
אין דרינגענדע פאלען ביז 8 א זייגער אוונט
ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפן ארט.
שיקט אויך ארויס דאקטוירים-ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים.
נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע בצאהלונג.
די פערוואלטונג. 885

8-טונג שטריקער-מייסטער!
אלע שטריקער-מייסטער ווערען אויפגעפאדערט צו רעגיסטרירען זיך אלס מיטגלידער פון דער שטריקער-סעקציע, אין געגענפאל נעהמען מיר פון זיך אראפ די פעראנטווארטליכקייט פאר די קאנסעקווענצען.
גלייכצייטיג מעלדען מיר אויך די שטריקער-מייסטער, דאס יעדען זונטאג און מיטוואך בעקומט יעדער מיטגליד אומזיסטע יורידישע עצות.
שטריקער-מייסטער-פעראיין אין לאדז. 6101

אנאנסן אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג!

קומט וואס פריהער!
צום זומער-סעזאן בעקומט איהר רעשטען פון די בעסטע קוואליטעטען
ביליצער, טאמאשאווער און אנדערע נייעסט מאדערנסטע מוסטערן פון הערען- און דאמען-שטאפען
פאר מענער אויף אנציגער, אויף פאלטענס
מיט 30% ביליגער קומט און איבערצייגט אייך
פאר דאמען אויף פאלטענס, אויף קאסטיומען
נור ביי
געדענקט דעם אדרעס
R. Szczęśliwy
5 נאוואמיעסקא 5 פראנט, II שטאק.

